בס"ד

# פון פלאצקער גאון

## הגאון רבי ארי' לייב צינץ זי"ע

## אויף אידיש


געקליבענע געדאנקען אויף די פרשה

פרשת במדבר שבועות
תשפ"ה
גליון קמ"ה
שנה ד'


## פרשת במדבר

### פונקט ווי ביי די נשיאים אליין איז זיכער נישטא קיין שום טעות איז אויך די יחוס פון אלע אידן זיכער אמת

**אלה הפקודים אשר פקד משה ואהרן ונשיאי ישראל שנים עשר איש, איש אחד לבית אבותיו היו. ויהיו כל פקודי בני ישראל לבית אבותם...** (א, מד-מה)

וואס פעלט אויס צו שרייבן דא נאכאמאל אז משה און אהרן און די נשיאים האבן געציילט די אידן, עס שטייט דאך שוין אנפאנג פרשה "**ואתכם יהיו איש איש למטה איש ראש לבית אבותיו הוא**"?

נאר נאכן ציילן די אידן מיט'ן ספר יחוס קען נאך אפשר איינער קומען מהרהר זיין און זאגן אז אפשר צווישן אזויפיל טויזנטער אידן האט זיך געמאכט עפעס א שווינדל אין א יחוס בריוו און ער איז נישט באמת מיוחס צו זיין טאטע... ווענן דעם זאגט דער פסוק "**אלה הפקודים אשר פקד משה ואהרן ונשיאי ישראל**" אז זיי זענען געציילט געווארן דורך משה און אהרן און די נשיאים וואס ביי אזעלכע גרויסע צדיקים האט זיך זיכער נישט געמאכט קיין שום טעות, איז דאך זיכער אז די "**שנים עשר איש**" זענען אלע בלי ספק **איש אחד** "**לבית אבותיו**" **הוא**, אן קיין שום זיוף אדער טעות.

זאגט ווייטער די פסוק, די זעלבע זאך **ויהיו** "**כל פקודי בני ישראל** אז **אלע געציילטע** פון כלל ישראל זענען אויך "**לבית אבותם**" און עס האט זיך נישט אריינגעמישט קיין שום זיוף אדער טעות ביי קיין איינעם פון די צענדליגער טויזנטער אידן.

ווענן דעם חזר'ט דא די פסוק איבער ווער עס האט געציילט די אידן, ווייל עס קומט דיר זאגן אז ביי **אזעלכע צדיקים** איז זיכער נישט געשען קיין טעות, און דו קענסט זיין זיכער אז אלעס איז טאקע געווען ריכטיג "**לבית אבותם**".

### די זעלבע סדר פון די דגלים האבן די אידן שוין געטון מיט יארן פריער

**ויעשו בני ישראל ככל אשר צוה ה' את משה כן עשו.** (א, נד)

לכאורה איז די ווערטער "**כן עשו**" איבעריג?

נאר ביי די דגלים שטייט "באותות לבית אבותם", ברענגט רש"י פונעם מדרש, אז יעקב אבינו האט שוין אויסגעשטעלט וויאזוי זיינע קינדער זאלן אים ארויפטראגן קיין ארץ כנען נאך זיין פטירה לויטן זעלבן סדר ווי די תורה רעכנט דא אויס, יהודה יששכר און זבולון פון מזרח אא"וו.

קען מען זאגן אז אזוי גייט פשט: "**ויעשו בני ישראל ככל אשר צוה ה' את משה**" די אידן האבן געטון **יעצט ביי די דגלים** צו גיין לויט דעם סדר ווי דער אויבערשטער האט געהייסן, און "**כן עשו**" אזוי האבן זיי שוין אויך געטון **יארן פריער** ארויפנעמענדיג יעקב אבינו קיין ארץ ישראל.

## שבועות

### ביי קבלת התורה האט מען נישט משיג געווען די תורה שבע"פ ממילא איז געווען גענוג 2 טעג הכנה

**ויהי ערב ויהי בוקר יום השישי.** (בראשית א, לא)

חז"ל זאגן (ע"ז ג.), אז "**יום השישי**" מיינט די באוואוסטע **שישי בסיון.** ווייל דער אויבערשטער האט זיך אויסגענומען א תנאי מיט מעשה בראשית אז נאר אויב די אידן זענען מקבל די תורה וועט די וועלט בלייבן שטיין.

פרעגט דארט תוס' (ד"ה יום השישי), אז לויט'ן מאן דאמר אז "הוסיף משה יום אחד מדעתו" איז דאך קבלת התורה געווען **ז'** סיון נישט ביום השישי ו' סיון, איז וואס וועט ער זאגן אויפן דרש פון "**יום השישי**"?

נאר בעצם דארף מען בכלל פארשטיין, פארוואס האט משה רבינו צוגעלייגט נאך א טאג הכנה מער ווי דער אויבערשטער האט געהייסן? קען מען זאגן, ווייל אין תורה שבכתב ליגט שוין באמת די גאנצע תורה שבעל פה, ווי חז"ל זאגן אז ליכא מידי דלא רמיזי באורייתא. און ווער עס איז זוכה צו א לויטערע השגה אין תורה קען משיג זיין פונעם תורה שבכתב אליין די גאנצע תורה שבעל פה. און ווען נישט די אידן זינדיגן מיט'ן עגל וואלטן זיי טאקע געקענט אליינס משיג זיין מיט זייער שכל די גאנצע תורה שבע"פ, אבער וויבאלד די אידן האבן געזינדיגט מיטן עגל זענען זיי געפאלן פון זייער מדריגה, און נישט משיג געווען פון תורה שבכתב די גאנצע תורה שבע"פ, האט מען געדארפט לערנען מיט זיי עקסטער די גאנצע תורה שבע"פ.

יעצט זוכה צו זיין צו די הויכע השגה פעלט באמת אויס א גרויסע הכנה פון 3 טעג, אבער היות דער אויבערשטער האט שוין געוואוסט אז די אידן גייען פאלן פון זייער מדריגה און מען גייט דארפן באזונדער אויסלערנען תורה שבע"פ, האט ער לכתחילה געהייסן נישט מער ווי 2 טעג הכנה. משא"כ משה רבינו האט נישט געוואוסט אז די אידן גייען צום סוף זינדיגן, און ער האט געמיינט אז די אידן וועלן אליינס זוכה זיין משיג צו זיין די תורה שבע"פ, ווענן דעם האט ער צוגעלייגט נאך א טאג פון הכנה ווי עס פאדערט זיך פאר אזא הויכע השגה אין תורה.

קומט אויס אז למעשה איז די השגה אין די תורה געווען כאילו מען וואלט עס באקומען ו' סיון דהיינו נאך בלויז 2 טעג הכנה, ווייל למעשה האט מען נישט זוכה געווען משיג צו זיין די תורה שבע"פ פון די תורה שבכתב. און דאס איז מרומז אין '**השישי**', דער **ה'** איז רומז אויף **חמשה** חומשי תורה - שבכתב, און **שישי** איז רומז אויף **ששה** סדרי משנה - שבע"פ. אז די אידן האבן באקומען די תורה **שבכתב** באזונדער און די תורה **שבע"פ** באזונדער.

אויב אזוי שטימט זייער גוט אז אפילו למאן דאמר "הוסיף משה יום אחד מדעתו" און קבלת התורה איז בפועל געווען **ז'** סיון, הייסט עס אבער "**יום השישי**", ווייל די **השגה** אין תורה וואס זיי האבן באקומען איז געווען **א שוואכערע השגה** וואס פאדערט נישט מער ווי בלויז 2 טעג הכנה, ווייל זיי האבן נישט זוכה געווען אליינס משיג צו זיין די תורה שבע"פ.

*

לויט דעם קען מען אויך מסביר זיין די גמרא (פסחים סח:) אז רב יוסף פלעגט יעדעס יאר שבועות צוגרייטן גוטע פלייש, זאגנדיג: "**אי לאו האי יומא דקא גרים כמה יוסף איכא בשוקא**", ווען נישט דעם טאג פון קבלת התורה מיט וואס בין איך אנדערש פון אלע אנדערע יוסף'ס אויפן גאס...

לכאורה וואלט ער געדארפט זאגן "אי לאו קבלת התורה", פארוואס האט ער דאס אנגעהאנגען דייקא **אינעם טאג** פון קבלת התורה? נאר די גמרא זאגט (פסחים קטז:) אז רב יוסף איז געווען א 'סגי נהור' און ער פלעגט חזר'ן די ברייתות אויף אויסענווייניג. און חז"ל זאגן דאך (גיטין ס:) אז 'דברים שבכתב' טאר מען

נישט לערנען בעל פה, קומט דאך אויס, אז אויב די אידן וואלטן זוכה געווען צו די הויכע השגה מקבל צו זיין די תורה **ז' סיון** וואלט נישט געווען קיין תורה שבע"פ ווייל מען וואלט אלעס משיג געווען גראד פון תורה שבכתב, אויב אזוי וואלט דאך רב יוסף גארנישט געקענט לערנען, ווייל 'דברים שבכתב' טאר מען דאך נישט לערנען בעל פה...

ווענן דעם האט ער געזאגט "אי לאו האי יומא דקא גרים" אז דייקא **דער טאג ו' סיון** האט גורם געווען אז מען זאל באקומען באזונדער די תורה שבע"פ ממילא קען ער לערנען די תורה שבע"פ אויף אויסענווייניג, ווען נישט דעם וואלט ער דאך נישט געמעגט לערנען, איז 'כמה יוסף איכא בשוקא'?...

**מלא העומר בפרשתן ב, לב**

## איינער וואס פלאגט זיך אויף תורה רעכנט אים דער אויבערשטער שכר כאילו ער איז בייגעשטאנען די שווערסטע נסיונות אפילו דער יצה"ר שטעלט אים נישט אונטער קיין נסיונות

**חשבתי דרכי ואשיבה רגלי אל עדותיך.**

(תהלים קיט, נט)

דער מדרש (ויק"ר לה, א) זאגט, אז דוד המלך האט געזאגט: "**חשבתי דרכי**" יעדן טאג האב איך געטראכט צו מיר; איך וויל גיין אויף דעם פלאץ, אויף יענעם פלאץ, "**ואשיבה רגלי אל עדותיך**" אבער מיינע פיס האבן מיר אליינס געטראגן אין בית המדרש.

דארף מען לכאורה פארשטיין, ווייל אפילו דוד המלך האט צומאל **געדארפט** גיין אויף אן אנדער פלאץ האט ער אבער נישט **געוואלט** גיין דארטן ענדערש ווי אין בית המדרש, נאר ער האט **געדארפט** גיין וועגן א סיבה. איז צו וועלכע אנדערע פלאץ האט ער **געוואלט** גיין? און פארוואס האבן זיינע פיס אים אפגעהאלטן פון אהינגיין?

נאר די גמרא דערציילט (ע"ז יז:) אז רבי חנינא מיט רבי יונתן זענען אנגעקומען צו א פרשת דרכים וואס איין וועג האט געפירט צו א מקום ע"ז און די צווייטע צו א מקום זנות, האט איינער געזאגט: לאמיר בעסער גיין אויף די וועג וואס פירט צו ע"ז, ווייל מען האט דאך שוין מבטל געווען דעם יצרא דע"ז וועלן מיר נישט האבן קיין נסיון. האט דער צווייטער געזאגט: לאמיר ענדערש גיין אויפן וועג וואס פירט צו די זינדיגע, אזוי וועלן מיר קענען זיך שלאגן מיט'ן יצר הרע און באקומען שכר.

אבער פארשטייט זיך אליין אז אזא זאך איז זייער איינגעשטעלט, ווייל איינער וואס גייט זיך רייצן מיט'ן יצר הרע דארף ציטערן אז ער זאל ח"ו נישט דורכפאלן. נאר די הייליגע אמוראים וואס זענען געווען אזוי דבוק בתורה האבן זיך געקענט ערלויבן דאס צו טון, ווייל זיי זענען געווען זיכער ביי זיך אז זיי וועלן נישט דורכפאלן.

וויאזוי טאקע זענען זיי געווען אזוי זיכער אז זיי וועלן נישט דורכפאלן? קען מען זאגן, ווייל דער יצר הרע פארגינט נישט די גרויסע אהבה פונעם אויבערשטן צו די אידן, און וועגן דעם טוט ער אלע תחבולות מכשיל צו זיין דעם מענטש מיט אן עבירה כדי אפצושוואכן די אהבה פונעם אויבערשטן צו די אידן ח"ו.

אבער ווען דער בעל דבר זעט ווי א איד שטרענגט זיך אן מיט אלע כוחות זיך מתגבר צו זיין און ער לאזט זיך בשום אופן נישט איבררעדן, דרייט ער איבער די יוצרות, און ער הייבט אים אן גרינגער צו מאכן די נסיונות. פארוואס? ווייל ער ווייסט דאך אז 'לפום צערא אגרא', קומט דאך אויס אז מיט יעדע נסיון וואס ער שטעלט אים אונטער און ער שטייט פעסט זיך מתגבר צו זיין מאכט ער מיט דעם נאר גרעסער די אהבה פונעם אויבערשטן צום איד וואס פלאגט זיך מיט אלע כוחות בייצושטיין אזעלכע שווערע נסיונות.

מיט דעם קען מען פארשטיין, אז די הייליגע אמוראים וואס זענען אזוי דבוק אין תורה, און זיי ווילן זיך בכוונה שטעלן אין א נסיון **זיך אנצושטרענגען** בייצוקומען דעם יצר הרע, פאר זיי וויל דער יצר הרע דווקא **גרינגער מאכן** דעם נסיון כדי זיי זאלן נישט באקומען אזא גרויסע שכר, ממילא וועגן דעם דארפן זיי נישט אזוי מורא האבן אז זיי וועלן דורכפאלן. משא"כ איינער וואס איז נישט אזוי דבוק בתורה האט דער יצר הרע נישט מורא אז ער וועט זיך ספעציעל אנשטרענגען בייצושטיין דעם נסיון, מאכט ער אים טאקע שווער דעם נסיון און ער איז איינגעשטעלט דורכצופאלן ח"ו.

יעצט פארשטייט מען וואס דוד המלך האט געזאגט: "**חשבתי דרכי ואשיבה רגלי אל עדותיך**", ווייל די גמרא זאגט דאך (ב"ב יז.) אז דוד המלך האט געזאגט "ולבי חלל בקרבי" - ער האט שוין נישט קיין יצר הרע. אויב אזוי האט ער דאך נישט געהאט קיין געלעגנהייט **זיך אנצושטרענגען** זיך מתגבר צו זיין אויפן יצר הרע, וועגן דעם "**חשבתי דרכי**" האט ער געטראכט צו זיך: איך וויל גיין אויף דעם פלאץ אויף יענעם פלאץ - **וואו עס איז דא נסיונות**, אזוי וועט ער האבן א געלעגנהייט זיך **מתגבר צו זיין** אויפן יצר הרע.

אבער ווי נאר דער יצר הרע האט געזען אז זיין גאנצע כוונה דא איז נאר **זיך צו שלאגן** מיט אים און ווייזן ווי געטריי ער איז צום אויבערשטן, וואס האט ער געטון? "**ואשיבה רגלי אל עדותיך**" ער האט אים **גרינגער געמאכט די נסיונות** אז זיינע פיס זאלן אים **פון זיך אליין טראגן** אין בית המדרש אריין און ער זאל נישט אנקומען צום פלאץ פון די נסיונות, כדי ער זאל נישט באקומען די שכר פאר'ן זיך פלאגן מנצח צו זיין דעם יצר הרע.

איי קומט דאך אויב אזוי אויס אז איינער וואס פלאגט זיך אויף תורה דערלייגט צוליב דעם די גרויסע שכר פאר'ן ביישטיין נסיונות, ווייל דער יצר הרע נעמט אים אוועק די נסיונות? אבער דער אמת איז, אז ווייל דער אויבערשטער ווייסט אז צו דעם איז ער אנגעקומען דורכן זיך פלאגן אויף די תורה, רעכנט אים דער אויבערשטער שכר כאילו ער איז בפועל געווען אין א נסיון און ער איז דאס בייגעשטאנען און ער דערלייגט גארנישט פון זיין שכר.

דאס איז מרומז אינעם פסוק "**אם בחקותי תלכו ואת מצותי תשמרו ועשיתם אותם**", אז אויב א איד וועט זיך פלאגן אויף תורה, איז הגם דער יצר הרע וועט זיך דעמאלטס איבערקלוגן אים נישט צוצוברענגען צו קיין נסיונות כדי ער זאל נישט באקומען קיין גרעסערע שכר, וועט ער אבער גארנישט דערלייגן, ווייל דער אויבערשטער וועט אים רעכענען "ואת מצותי תשמרו" כאילו ער האט זיך אפגעהיטן פון זינדיגן בשב ואל תעשה, "ועשיתם אותם" און ער וועט נאך באקומען דאפלט שכר כאילו ער האט מקיים געווען א מצות עשה, ווייל וויבאלד ער איז אנגעקומען צו דעם דורך זיך פלאגן אויף תורה וועט ער קענען בלייבן זיצן און לערנען אין בית המדרש און זיין שכר פאר'ן ביישטיין נסיונות וועט גארנישט פארמינערט ווערן.

**מלא העומר פרשת בחקותי כו, ג - ד"ה 'עוד יראה**

# די הייליגע צוואה

ומי שישתדל בהדפסתן
יהי' לו המחבר למליץ
אם יהי' לו זכות




## איר קענט שיקן קוויטלעך צום ציון הק' להפקד בדבר ישועה ורחמים

פאראינטערעסירטע ביטע פארבינדט אייך צום מערכת

הגליון נתנדב
לזכות
**חיים מרדכי** בן **אסתר**
בזכות הפצת תורת רבינו זי"ע ישלח לו הקב"ה מהרה **רפואה שלימה** לרמ"ח אבריו ולשס"ה גידיו בתוך שאר חולי ישראל

מזלא טבא נשגר בזה קדם האי גברא יקירא חכם וסופר המקדיש מזמנו לעבוד על גליונינו ומאיר לנו בהערותיו המחכימות ה"ה
הרה"ג ר' **יואל בהגרי"ח גרינוואלד** שליט"א
לרגל השמחה השרויה במעונו בהולדת בתו למז"ט
ויה"ר שזכות בידוד מקחו של צדיק יעלה לו לראות ולרוות רב תענוג ונחת דקדושה מכל יוצ"ח.
המערכת


**מנדב צו זיין א גליון לשבוע זוכה צו זיין להבטחת הצדיק, אדער אנטייל צו נעמען אין די הוצאות, ביטע זיך ווענדן צו.**
gilyonplotzk@gmail.com | plotzk.org | (929) 260-4868